הײַנט 10 זײַטע.

אדרעסען:
פון „ראַדאָמער-קעלצער לעבען“
אין ראַדאָם:
Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben“
Radom, Szwarlikowska 20.

אין קעלץ
Redakcja i Administracja
„Radomer-Kielcer Leben“
Kielce, Staro-Warszawska 34.

אַנאָנסען פרײַזן!
איין מילימעטער שורה: פאַר'ן טעקסט 20 גר.
„ „ „ אין „ 40 „
„ „ „ נאָכ'ן „ 18 „
די ערשטע זײַט ענטהאַלט 8 שפּאַלטען
אין טעקסט אין לעצטע זײַט 4 „

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

17-go grudnia 1926 r. | פאַר'ן אינהאַלט פון טעקסט אין די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע נישט פאַראַנטוואָרטליך | ראַדאָם פרײַטאָג י"ב טבת תרפ"ז

„פּאַריטעקס“ ראַדאָם, וואַל 5.

די לאַנג שוין עקזיס-
טירענדע קאָרעס-
פּאָנדענץ—ביוראָ
ערלעדיגט דעם פּאַטענטען—אויסקויף
פינקטליך, שנעל, רעיעל און סאָליד.

בעמערקונג:
די ביוראָ נעמט פאַר איהר טרחה דעם
מינימאַלסטען און קלענסטען האָנאָראַר.

*Zarząd Żyd. Twa. Gimn. - Sport.*
*„BAR-KOCHBA“ w Radomiu*

Urządza w sobotę — 18 grudnia b. r.
**w sali Hotelu Europejskiego** (dawniej „Miraż“)

# RAUT

WEJŚCIE – za zaproszeniami i dla wprowadzonych gości
**Bilety — przy wejściu**
**po cenach:** **dla pań – Zł. 2.**
**dla panów – Zł. 2,50**
**POCZĄTEK – O GODZ. 9 WIECZ.**
Czysty dochód przeznaczony jest na cele Żyd. Klubu Sport. „BAR-KOCHBA“ w Radomiu.

די פערוואַלטונג פון יודישען טורן - און ספּאָרט - פעראײַן
„בר-כוכבא“ אין ראַדאָם.

אָרדענט אײַן שבת צו נאַכטס — דעם 18 גרודזיען ה. י. אין זאַל
פון „האָטעל אײַראָפּעיסקי“ (געוו. מיראַזש).

# אַ ראַאוט

אײַנגאַנג — געגען אײַנלאַדונגען און פאַר אַרײַנגעפיהרטע געסט
בילעטען — בײַם אײַנגאַנג
צום פּרײַז: פאַר דאַמען — זל. 2.
פאַר הערען — זל. 2,50
אָנהויב — 9 אָוועגד.
די ריינע הכנסה איז בעשטימט פאַר די ציעלען פון יודישען טורן-און-
ספּאָרט פעראײַן „בר-כוכבא“ אין ראַדאָם.

Z okazji zaręczyn p. **Z KORMANÓWNY** z p. **M. WEISFELNEREM**, składamy im serdeczne życzenia.

**Rodzina** B. Gliksman.




## שולע פאַר פּלאַסטיק און טענץ
אין ראַדאָם קילינסקאַ 15.

# בעקאַנטמאַכונג.

דערמיט מאַך איך בעקאַנט די ג. יודישע קליענטעלע דאָס איך האָב
זיך פעראייניגט מיט'ן בעוואוסט-
ען יודישען באַלעט-מייסטער **ה' מאַנדעל,**
וועלכער האָט זיך ערוואָרבען די גרעסטע אָנערקענונג צווישען דעם יודישען
אינטעליגענטען פּובליקום די טענץ וועלען פון הײַנט אָן אָנגעפיהרט אונטער
זײַן לײַטונג פון אונז בײַדע. די לעקציעס קומען פאָר אין פּרעכטיג אײַנגע-
אָרדענטען לאָקאַל פון האַנדווערקער-רעסורסע, קילינסקאַ 15.
יעדען פרײַטאָג און שבת פון 7.30 ביז 11.30 אָווענד קומען פאָר
פּראַקטישע לעקציעס.
אײַנשרײַבען זיך קאָן מען אין דער דערמאָנטער רעסורסע יעדען דינסטאָג און פרײַטאָג
פון 6 אָווענד אָן און שבת פון 3 נ. מ. בײַם ה' מאַנדעל.
מיר לערנען אויס אין דער קירצעסטער צײַט די נײַעסטע און
מאָדערנסטע טענץ. — די פּרײַזען זענען מעסיג און צוגענגליכע.
מיט אַכטונג פּראָפעסאָר ל. אָווערלאַ.

## חנוכת—הבית פון דער יודישער האנדווערקער-באנק צוליב'ן איבערטראגען זיך אין לאקאל פון דער געוו. באנק זאכאדניא.

דעם קומענדיגען זונטאג ערדענט איין די האנדווערקער-באנק די פייערליכע ערעפנונג פון נייעם לאקאל, וועלכען זי האט איבערגענומען פון דער ליקווידירטער זאכאדניא-באנק. צו דער ערעפנונג איז ספעציעל איינגעלאדען געווארען פארטרעטער פון דער קאאפעראציוון-צענטראלע און רעוויזיאנס פערבאנד אין ווארשא. עס זיינען אויך פארבעטען געווארען אנטייל צו נעמען אין דער ערעפנונג די היגע געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס. די ערעפנונג וועט טראגען א פייערליכען כאראקטער און וועט פערוואנדעלט ווערען אין א יום טוב פאר די אלע, וועלכע האבען געהאלפען אויפבויען די באנק און דערפיה'ט זי צו אזא מדרגה, אז די לאקאלע איינריכטונג זאל זיך נישט האבען צו פערשעמען לנבי די פארנעמסטע און אנגעזעהענסטע בענק אין ראדאם. מיטן פערגרעסער'ן דעם לאקאל האט די לייטונג פון דער האנדווערקער-באנק געגעבען לעבעדיגע סימנים, אז זי זארגט פיעל פאר דער ענטוויקלונג און דאס פונאנדערוואקסען זיך פון דער באנק. דער יעצטיגער פרעכטיגער לאקאל איז איינער פון די שענסטע צווישען די פיעל יודישע קאאפעראטיווע האנדווערקער-באנק אין פוילען.

## לעהרער—שטרייק אין תלמוד—תורה.

צוליב דאס גישט אויסצאהלען א לענגערע צייט די שכירות, האבען די לעהרער פון תלמוד — תורה פערשטרייקט און שוין א גאנצער וואך מאכען זיי נישט קיין לעקציעס מיט די קינדער פון ת"ת. איין לעהרער האט איינגעקלאגט די לייטונג אין געריכט, וואו ער האט ארויסבעקומען א „וויראק" פון 80 זלאטעס אויף דער ת"ת.

## רעוויזיע אין מאגיסטראט.

עהערנעכטען מיטוואך, איז, ווי מיר דערוויסען זיך געקומען אין היגען מאגיסטראט א קאנטראל-קאמיסיע פון דער וואיעוואדסטווא אין קעלץ מיט'ן ציועק דורכצופיהרען א רעוויזיע אין אין דער ווירטשאפטליכער פיהרונג פון דער מאגיסטראט-פערוואלטונג.

## הילפס-אקציע פאר יודישע ארבייטסלאזע.

דער לאנדעס-ראט פון די פראפעסיאנעלע פעראיינען אין ווארשא האט שיקענדיג א געוויסע סומע געלד בעפולמעכטיגט די פארשטעהער פון די היגע פראפעסיאנעלע פעראיינען דורכצופיה'ען א הילפס-אקציע פאר די יודישע ארבייטער, וועלכע זיינען געבליבען אהן בעשעפטיגונג און ארבייטסלאז. ס'ווערט דעריבער צו דעם ציועק דורכגעפיה'ט א רעגיסטראציע פון אלע יודישע ארבייטסלאזע, וועלכע וועלען דערנאך בעקומען שטיצע אין נאטור. די רעגיסטראציע קומט פאר פון 15-טען ביז'ן 25-טען ה. ה. אין לאקאל פון „עזרה".

די, וואס פיהרען אן מיט דער אקציע, מאכען אויפמערקזאם די פעראינטערעסירטע, אז דאס איז א ברידערליכע ח לק, וועלכע האט קיין געמיינזאמעס נישט מיט דער פילאנטראפישער הילף פון „עזרה", דארט קומט נאר פאר די רעגיסטראציע צוליב מאנגעל אין לאקאל. די יודישע ארבייטסלאזע, וואס נויטיגען זיך אין שטיצע דארפען זיך רעגיסטרירען ביז דעם אויבענאנגעוויזענעם טערמין.

## ציוניסטישע ארגאניזאציע אין ראדאם.

פרייטאג צו נאכט ס 17/12 אום האלב 8 וועט ה' פראפ. שיצער רעפערירען א ד. ט. „נאציאנאלע און רעליגיעזע ערציהונג פון דער יודישער יוגענד".

איינגאנג פריי פאר מיטגלידער.

## אינטערעסאנטער רעפעראט אין האנדווערקער קלוב.

שבת דעם 10/7 ה. י. קומט פאר אין לאקאל פון האנדווערקער-קלוב פינקטליך 5 א זייגער אוועגד א רעפעראט פון ה' פנחס מילער אויף דאס טהעמא „די יעצטיגע לאגע אין ארץ ישראל" לויט די טעזן, וואס זיינען אנגעמערקט אין אנאנס זאגט צו צו זיין דער רעפעראט זעהר אינטערעסאנט. בעזונדערס וויכטיג איז דער רעפעראט דערפאר, וואס ער וועט געהאלטען ווערען פון א היגען בולה, וואס האט א לענגערע צייט מיטגעמאכט די פערשידענע עטאפען פונם ניי-שאפענדען ישוב אין ארץ ישראל. ס'איז כדאי צו קומען הערען א אויפריכטיג און קלאר ווארט פון א היימישען און בעקאנטען בן-עיר.

# בעקאנטמאכונג.

**זונטאג דעם 19-טען ה. ח. 1 א זייגער נ. מ.**

**קומט פאר**

# די פייערליכע ערעפענונג

## פון נייעם לאקאל פון די יודישע

# האנדווערקער - באנק

## צום איבערציהען זיך

## פון לובלינער 23 אויף לובלינער 31

**אין לאקאל פון דער געוועזענער באנק זאכאדניא.**

**די ערעפענונג קומט פאר**

# אין נייעם לאקאל.

## רעפעראט פון וויקטאר אלטער אין „קארסא".

היינטיגען שבת 1 נ. מ. האלט א רעפעראט אין „קארסא" דער בעקאנטער בונדישער טהוער און ראטמאן פון ווארשעווער שטאדט-ראט ה' וויקטאר אלטער דאס טהעמא פון רעפעראט הייסט „מארשאל פילסודסקי פרעמיער מיניסטער". ה' אלטער צייכענט זיך אויס אלס גלענצענדער און אינהאלטסרייכער רעדנער. זיין רעפעראט וועט דערום זיין זעהר אינטערעסאנט.

## געשטארבען די יודישע ארטיסטין גיטעל זאריצקא.

היינטיגע וואך איז אין לאדז געשטארבען, אין עלטער פון 40 יאהר די יודישע דראמאטישע שוישפילערין ג. זאריצקא — (וועליגער).

די פערשטארבענע האט אנגעהויבען איהר טעאטער קאריערע אין יאהר 1907. דאס ערשטע מאל האט זי אנטייל גענומען אין א וואילטעטיגער פארשטעלונג פאר דער לארזער „פאנאטאוויע". ס'איז געשפילט געווארען „הערצעלע מיוחס".

פון דעמאלסט אן האט זי אנטייל גענומען אין פערשידענע אמאטארישע פארשטעלונגען (צווישען אנדערע האט זי געשפילט אין דער „שחיטה" אויף רוסיש) און ערשט אין יאהר 1912 איז זי אריינגעטרעטען אין דער טרופע, וואס האט געשפילט אין לאדזער גרויסען טעאטער.

זייט דער דאזינער צייט שפילט די זאריצקא כסדר אין מאכט מיט אלע ליידען און פריידען פון פערוואגעלטען יודישען טעאטער.

דאס שם לפן טעאטער איז פאר דער ארטיסטקע געווען פערבונדען מיט א פערזענליכען קרען, ווייל די פערשטארבענע האט געשטאמט פון א לאדזער אנגעזעהענער חסידישער פאמיליע, ביי וועלכער דאס מין טעאטער-שפילען האט נישט געהאט קיין ספעציעלען אנזעהען.

זייט דעם יאהר 1913 האט זאריצקא געשפילט אין פערשידענע טרופעס, אויך צוזאמען מיט יוליוס אדלער אין לאדז, ווארשא, ווילנא, גראדנא, ביאליסטאק א. אז. וו.

די פערשטארבענע האט די ערשטע אויף דער יודישער ביהנע בעשפיעלט אין לארז די רעל „לאה" אין אנ'סקיס „דבוק" אונטער דער רעזשי פון דוד הערמאן.

די פערשטארבענע זאריצקא האט כמעט צוויי יאהר נאכאנאנד געשפילט אין ראדאם, קעלץ, וואו זי האט זיך ערווארבען א גרויסע צאהל פערעהרער צווישען טעאטער—פובליקום, וואס איז אפט געקומען בעזוכען איהרע פארשטעלונגען.

די לעצטע פארשטעלונג, אין וועלכער די פערשטארבענע האט אנטייל גענומען איז געווען די פאריגע וואך אין לאדז — אין דער „אמעריקאנערין", צו דער דאזיגער פארשטעלונג איז שוין די ארטיסטקע געגאנגען קראנקערהייט, און דארט האט זי זיך נאך מעהר פערקיהלט און נאך עטליכע טעג קראנק זיין, איז זי היינטיגע וואך געשטארבען אין א דארטיגען שפיטאל.

■■■

Kino-Teatr „CRISTAL“ w Radomiu.

היינט און יעדען טאָג!

ווערט דעמאָנסטרירט דאָס בערי׳המטע יודישע פילם-בילד

# דער אפּיקורס

אין דעם בילד ווערט געשילדערט דאָס יודישע לעבען אין רוסלאנד בעת דער צארישער הערשאפט. — יעדער יוד דארף קומען זעהן דאָס בילד.



אלגעמיינער ארבעטער-קאָאָפּעראטיוו אין ראדאָם.

שבת דעם 18 טן דעצעמבער 1926 י. 1.30 נאכמיטאג אין זאל קינא „קאָרסאָ“ וועט רעפערירען חבר

# וויקטאר אלטער

ראטמאן פון ווארשאווער שטאדט ראט

אויף דאס טעמא:

## מארשאל פּילסודסקי — פּרעמיער מיניסטער

בילעטען פון 50 גראָשען ביז א 1 זלאָט. מ יער צו בעקומען אינ ם אלגעמיינעם ארבייטער-קאָאפּעראטיוו, וואלאָווע 23 און אין טאָג פון דער פאָרלעזונג פון 10 פרי ביי דער קאסע פון קינאָ-טעאטער.



בעסטע שיפס-קאָמוניקאציע צווישען פוילען און קאנאדע

# „באלטיק=אמעריקא=ליין“

עמיגראציע-ענינים ערלעדיגט

## ביורא „יוס“

קעלץ, קילינסקי גאַס № 8.


שבת, דעם 18/12 ה. י. קומט פאר אין לאָקאל פון האגדודערקער-קלוב פינקטליך 5 א זייגער אין אָוונט

# א רעפעראט

פון ח׳ פּנחס מילער אויף דער טעמע:

## „די יעצטיגע לאגע אין ארץ=ישראל“

אין רעפעראט נעהמען אריין פאָלגענדע טעזן:

1) ארץ ישראל אלס אָרט פאר פּראָדוקטיוויטעט. 2) דער קריזיס אין תל-אביב און זיין אויסטעג. 3) התאחדות עולי פולניה. 4) דער עלעמענט פון דער טערטער עליה. 5) עת לבנות על המשמר און רעוויזיאָניזם. 6) די סכלנות פון עם ידישען ארבייטער-קרייז אין ארץ ישראל. 7) דאָס קולטור חעזפן אין ארץ יש· 8) און וואָס היינטער? 9) רעזיומע.

בילעטען צום פּרייז פון 30 און 50 גראָשען.

בעמערקונג: אין גויטין חעגען זענען רעפעראט דארף זיין אנטטיט 10/7 דעם 18/12


IDEALNIE CZYŚCI METALE SZYBY i LUSTRA

JUROL



# אַ לאקאל!

צו פערדינגען אין צענטרום שטאָדט אויף אַ פאבריק אָדער אויף אַ סקלאד

צו ווענדען זיך דלוגא № 15 גאָפּליעב.


## פון קעלץ.

אויף דער מיטוואָכדיגער אלגעמיינער פערזאמלונג פון דער יודישער פאָלקס-באַנק איז געוויילט געוואָרען אלס פרעזעס פון דער באַנק ה׳ י. מ. רייזמאן, דער פרעזעס פון דער יודישער קהלה, אויפ׳ן אָרט פון ה׳ ראָזענבערג, וועלכער איז געוואָרען וויצע-דירעקטאָר פון לאָדזער באַנק.


PODZIĘKOWANIE

Za wyleczenie i troskliwą opiekę podczas choroby

żony mej,

wyrazy szczerego uznania i wdzięczności W. Panu Doktorowi

Stanisławowi Zylberszlakowi

tą drogą wyraża

*Juljan Goldwasser.*

Kielce.


# אויפרוף.

די היגע געזעלשאפט „מנחמי אבלים“ איז ווי בעוואוסט שוין טהעטיג א רייהע יאָרען. צוליב דעם אָבער וואָס די ביזאהעריגע לייטונג האָט וועניג געזאָרגט, אַז אזאַ אינסטיטוציע זאָל פערנעמען דעם פערדינטען פּלאַץ אויף דער אויבערפלאַך פון ראדאָמער געזעלשאפטליכען לעבען — איז די דערמאָנטע געזעלש. לעצטענס גענצליך רעאָרגאניזירט און איבערגעבויט געוואָרען. א געוויסע צאָהל מענשען מיט צוטרוי און אָרגאניזירונגס-פעהיקייט האָבען איינגעזעהען, אַז אזוי קאָן א אינסטיטוציע נישט עקזיסטירען: ערשטענס מוז א פילאַנטראָפּישע געזעלש. ווערען לעגאליזירט דורך דער מאַכט, ווי אויך אין דער שפּיץ מוזען שטעהן מענשען, צו וועלכע מ׳האָט צוטרוי. דאָס אויבענדערמאָנטע איז שוין דערגרייכט, אי ס׳איז שוין לעגאליזירט און ס׳איז אויך געוועהלט געוואָרען א פערוואַלטונג פון פעהיגע מענשען.

צו דער אינטענסיווסטע טהעטיגקייט מיז מען האָבען מאַטעריעלע מיטלען און ביז׳ן היינטיגען טאָג האָט די געזעלש. „מנחמי אבלים“ דאָס נישט. די הכנסות זענען ביז היינט איינגעפלאָסען פון שמחות, אָבער דאָס איז נישט קיין רעאלע און געוונענדע הכנסות. דער עיקר איז מיטגלידער. די היינטיגע פערוואַלטונג וויל אויפנוצען איהר פעהיגקייט און פון אייך ראדאָמער בירגער ערווארט מען די געלד=שפּענדונגען. זאָל קיינער זיך נישט אָבזאָגען פון פערשרייבען זיך אלס מיטגליד און דער נוצליכער געזעלש. וועמענס אויפגאַבע איז צו העלפען דעם אומגליקליכען אין דער צייט פון זיין אומגליק ר״ל. גלייכצייטיג מערקט מען אָן, אזוי ווי מאָרליפיג, צוליב מאַטעריעלע סבות, האָט נישט די געזעלשאפט קיין לאָקאל, קאָן מען זיך, ווענען בעקומען הילף, ווענדען פערזענליך, אָדער דורך אַזעלכע פערזאָנען, וועמען ס׳איז בעוויסט פון א בכבוד׳ען אומגליקליכען ר״ל צום פרעזעס ה׳ א. בירענבוים באַסעינאַ 4 אָדער צום וויצע פרעזעס ה׳ איטשע פישמאַן רוזינסקאַ 23 בלע מות לנצח.

ראדאָם חודש כסלו תרפ״ז די געזעלשאפט „מנחמי אבלים“ אין ראדאָם

פרעזעס: אביש בירענבוים. וויצע פרעזעס: איטשע פישמאַן.

פערוו. מיטגל.: אברהם פוקס, דוד וויינבערג, משה גוטמאַן, ישעי׳ ראָזענצווייג, יעקב שמואל מילמאַן, ישראל זיירמאַן, שמעריל ציטרינאָוויטש, א. ז. פּאָדקאָווסקי, יוסף שוכהענדלער, פנחס בירענבוים, נ. שטעלמאַן, ת. ב. מיידאַן. קאָמיסיע רעוו.: מיכל ריכטמאַן, אהרן גוטמאַן, פנחס פרענקעל, תערבקי גוטמאַן, אפרים פלאַמענבוים.







Kino „ODEON“ w Radomiu.

Od 16 do 19 grudnia

Nadzwyczajny obraz sezonu.

MIASTO DUCHÓW

Takiego obrazu i gry już dawno nie widziano!

2 serje demonstrowane razem.

W rolach głównych:

*Pete Morisson i Małgorzata Norris.*



Kino „CZARY“ w Kielcach.

WIELKA PREMJERA!

jednocześnie z Warszawą!

TRĘDOWATA

W roli tytułowej:

*Jadwiga Smosarska.*

Początek o godz. 5 po poł.


# את בני אנכי מבקש!

מיין זאָהן שמעון זילבערשטיין, איז אין פאָריגען יאָהר פאר פסח, ארויסגעפאָהרען פון קאָנסטאנטינאָפּאָל, קיין ארגענטינא, לויט זיין לעצטען בריף, איז ער דעם 12/3 1926 ארויסגעפאָהרען פון אלמעריע (שפּאַניען) און האט געזאָגט אָנקומען דעם 29/3 ד״י קיין מאנטעווידעא, און פון דאן האָב איך פון איהם קיין שום בריף, אָדער נאָכריכט נישט דערהאַלטען. ווער עס האָט, וואָסערע עס איז, ידיעה וועגען איהם ווערט געבעטען מיטצוטיילן אויף אדרעס ל. זילבערשטיין ראדאָם (פוילען) ליפּלינצע № 1 אַלע ארגענטינער צייטונגען ווערען געבעטען דאָס איבערצודריקען.

Redaktor i Wydawca CH. M. HERC — Odbito we własnej drukarni Radom Szwarlikowska 20.